בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# זָארְג זִיךְ נִישְׁט

עֶס שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַ רֵיינֶע אֶמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, עֶר זָאל קֶענֶען אַלֶעס אוֹיסְפַּארְצֵייכְלְן פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אַרוּם זִיךְ פוּן גָארְנִישְׁט זָארְגְן, אוּן פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

יוֹם רְבִיעִי פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר תשע"ג
בִּישִׁיבַת תִפְאֶרֶת הַתּוֹרָה
אוֹיךְ 'דִבְרֵי הֶסְפֵּד וְזִכָּרוֹן' אוֹיף אֵיינֶער פוּן אַנַ"שׁ
נִפְטַר לְעוֹלָמוֹ כ"ט נִיסָן תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# זָארְג זִיךְ נִישְׁט

## א.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תיט) וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט, אַז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז אַ מִצְוָה צוּ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה. אוּן וְוִיבַּאלְד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף הֲלָכָה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כט), דֶערְפַאר פְּלֶעגְט זַיין דֶער מִנְהָג בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אִין אוּמַאן צוּ מַאכְן יֶעדְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ [1] אַ

[1] דִי סְעוּדָה פְּלֶעגְן זֵיי גֶעוֶוענְטְלִיךְ מַאכְן בַּייטָאג, וַוייל זֵייעֶר סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז בַּיינַאכְט הָאבְן זֵיי זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן פְּרִי, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי.

סְעוּדָה לְכָבוֹד רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶער מִנְהָג.

ב.

אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הֵייבְּט זִיךְ יֶעצְט [רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָיר] אָן אַ נַייעֶר זְמַן, וַוייל בִּיז יֶעצְט - גַאנְץ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִיז גֶעוֶוען 'בֵּין הַזְּמַנִים'; כָאטְשִׁיג בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי בֵּין הַזְּמַנִים[2], וַוייל יֶעדֶער אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט קְלָאר גֶע'פַּסְקֶ'נְט (רַמְבַּ"ם הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה פֶּרֶק א, הֲלָכָה י; שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמו, סָעִיף ג), אַז אֲפִילוּ אִין דֶער לֶעצְטֶער טָאג פוּנֶעם לֶעבְּן, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה! אַזוֹי וִוי חַזַ"ל (שַׁבָּת פג ע"ב) לֶערְנֶען דָאס אַרוֹיס פוּנֶעם פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר יט, יד): **זֹאת**

[2] נָאר אֵיינְמָאל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, וָואס דֶעמָאלְטְס פוּן דִי מִינוּט וָואס מֶען הוֹיבְּט אוֹיס דִי נְשָׁמָה בִּיז מֶען בַּאעֶרְדִיגְט דָאס, אִיז 'בֵּין הַזְּמַנִים'! וַוייל דֶער נִפְטָר קֶען דֶעמָאלְטְס גָארְנִישְׁט טוּהְן; אוּן וֶועגְן דֶעם פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וָואס שְׁנֶעלֶער מֶען מַאכְט דִי טָהֳרָה מֶען זָאל קֶענֶען גְלַייךְ מְקַבֵר זַיין, אִיז אַלְץ בֶּעסֶער פַארְן נִפְטָר.

הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל; דָאךְ אִיז דָאס בַּיי דִי וֶועלְט זֵייעֶר שְׁוֶוער מְקַיֵּים צוּ זַיין[3], אָבֶּער דָא וָואס מִיר וֵוייסְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶעם ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד׳ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן מֶען פָּאלְגְט עֶס, עֶקְזִיסְטִירְט נִישְׁט אַזַא זַאךְ וִוי בֵּין הַזְּמַנִּים, דִי יְשִׁיבָה גֵייט שְׁטֶענְדִיג אָן, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה צוּ לֶערְנֶען שְׁטֶענְדִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, גֵייט עֶר אַרַיין אִין דִי חָכְמָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, מְמֵילָא דַארְף מֶען

[3] אַזוֹי וִוי מֶען הָאט זִיךְ דָאס גֶעקֶענְט אִיבֶּערְצַייגְן, אַז אַ גַאנְץ חוֹדֶשׁ נִיסָן הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵייט טוֹיזֶענְטֶער בָּחוּרִים אִין אַלֶע אִידִישֶׁע גֶעגֶענְטֶער, אוּן פָּשׁוּט מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן פַאר לֵיידִיג גֵייעֶן, זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוַוארְט עֶס זָאל זַיין עֶפֶּעס אַן אוּנְטֶערְהַאלְטוּנְג [עֶקְשָׁאן], אַז מֶען הָאט גֶעהֶערְט דִי פֵייעֶרְלֶעשֶׁער קוּמְט צוּ פָארְן אִיז גֶעוָוארְן יוֹם טוֹב, מֶען לוֹיפְט קוּקְן, אוּן וָואס זֶעהְט מֶען שׁוֹין? וִוי גוֹיִם טַאנְצְן אַרָאפּ פוּן טְרָאק אוּן מֶען גִיסְט וַואסֶער, אָדֶער אַז ׳הַצָּלָה׳ אִיז גֶעקוּמֶען, לוֹיפְט מֶען גְלַייךְ קוּקְן וִוי מֶען נֶעמְט נֶעבֶּעךְ אַרוֹיס אַ קְרַאנְקְן מִיט דִי נַאכְט קְלֵיידֶער וְכוּ׳, [בִּשְׁעַת יֶענֶער שֶׁעמְט זִיךְ אַז אַלֶע שְׁטֵייעֶן אוּן קוּקְן], אָבֶּער וָואס זָאלְן זֵיי טוּהְן מִיט דִי צַייט? חַזַ״ל זָאגְן (כְּתוּבוֹת נ״ט ע״ב): הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעְמוּם וְלִידֵי זִמָּה. מְמֵילָא קוּמְט מֶען נֶעבֶּעךְ צוּ אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אַלֶע שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, וָואס דֶעמָאלְטְס גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי 'נְשָׁמָה' פוּן אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרָאפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן [פוּן דִי עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים], אוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט טוּט זִי זִיךְ אָן אַ 'גוּף', אוּן אַזוֹי דַארְף עֶר דוּרְכְגֵיין דָא ווִילַאנְג עֶס אִיז אִים בַּאשֶׁערְט דוּרְכְצוּגֵיין, אָבֶּער נָאכְדֶעם קֶען מֶען צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל מֶען לֶעבְּט דָא אוֹיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, צוּ וָואס דַארְף מֶען אַזוֹי מוֹרָא הָאבְּן אוּן זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען מֶען טוּט צוּרִיק אוֹיס דֶעם גוּף ? ! "אִיךְ קוּם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ לֶעבּ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ גֵיי צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן" !

ג.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא (אָבוֹת פֶּרֶק ג, א) : **עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל אוֹמֵר, הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים וְאֵין אַתָּה בָא לִידֵי עֲבֵרָה וְכוּ', וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִיתֵּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן ? לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא !** - אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַרַיין

אִין דְרֵיי זַאכְן וֶועט עֶר שׁוֹין נִישְׁט טוּהְן קַיין עֲבֵירוֹת; אוּן דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן דִי דְרִיטֶע זַאךְ, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן פַאר אִים דַארְף מֶען אָפְּגֶעבְּן אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן! וָואס דָאס אִיז דִי מוֹרָא'דִיגֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; מֶען זָאל זִיךְ צוּ גֶעווֹאוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ מַאכְן אַ 'דִין וְחֶשְׁבּוֹן': רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, אוּן דֶער 'יֵצֶר הָרַע' בְּרֶענְט אִין מִיר, וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן?! אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן מְקַיֵים זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית ט, א)[4], פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ מִיךְ שֶׁעלְטְן, אוּן אוֹיף מִיר זָאגְן (קִדּוּשִׁין כ"ט ע"ב): תִּיפַּח עַצְמוֹתָיו; בִּשְׁעַת –

[4] אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אֶבֶן הָעֵזֶר סִימָן א סְעִיף ג): בֶּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה לְחוּפָּה – בַּיי דִי אַכְצְן יָאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ חֲתוּנָה הָאבְּן. זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי מְפָרְשִׁים (בֵּית שְׁמוּאֵל, סְעִיף קָטָן ג): דָאס מֵיינְט, וֶוען מֶען וֶוערְט זִיבֶּעצְן אוּן מֶען גֵייט שׁוֹין אַרַיין אִין דִי אַכְצֶענְטֶע יָאר. פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער מְחַבֵּר אוֹיס (שָׁם): דִי 'מִצְוָה מִן הַמּוּבְחָר' אִיז, אַז מֶען זָאל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר. אוּן אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ טַאקֶע גֶעפִירְט פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעוָואלְט צוּרִיק אַרַיינְבְּרֶענְגֶען מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג, אוּן ווִילַאנְג אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעקֶענְט טוּהְן הָאבּ אִיךְ עֶס גֶעטוּהְן.

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם** - אִיךְ בִּין מַסְכִּים נָאךְ הַיינְט בַּיינַאכְט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאל, און אִיךְ דַארְף נִישְׁט גָארְנִישְׁט, נָאר אַ מִנְיָן פַאר דִי חוּפָּה, און אַ סְעוּדָה[5]!

ד.

אָבֶּער אוֹיף תְּפִלָּה דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אֲפִילוּ מֶען זֶעהְט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל"ב ע"ב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט אַז עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן נָאר עֶר זָאל נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, בִּיז עֶר בַּאקוּמְט זַיין יְשׁוּעָה, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים כז, יד): 'קַוֵּה' אֶל ה' חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ 'וְקַוֵּה' אֶל ה' - שְׁטַארְק זִיךְ

---

[5] אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן 'בַּעַל בִּטָּחוֹן': און דִי סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען אַ סְעוּדָה.

אוּן הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף[6].

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקצ"ג): מֶען טָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן, אֲפִילוּ עֶר הָאט מִיר שׁוֹין גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן, דָאךְ זָאל מֶען נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן, אוּן זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן בֶּעטְן אוֹיף דִי אִיבְּרִיגֶע יְשׁוּעוֹת וָואס מֶען קֶען בַּאקוּמֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער, נָאר שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ אוּן נָאךְ זַאכְן.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ גְלַייךְ אָפְּגֶעבְּן אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן, שׁוֹין יֶעצְט וֶוען עֶר לֶעבְּט נָאךְ, וָואס אַזוֹי אַרוּם לַייכְט בַּיי אִים שְׁטֶענְדִיג זַיין נְשָׁמָה, וָואס עֶס אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל - אַ שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דִי נְשָׁמָה

---

6 הַיינְט הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אַז דִי תְּפִילוֹת זֶענֶען שׁוֹין אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אוּן מֶען גֵייט הָאבְּן דִי יְשׁוּעָה? הָאבּ אִיךְ צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן: וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן דִי יְשׁוּעָה וֶועסְטוּ וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

י

## זָארְג זִיךְ נִישְׁט

אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעקוּמֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן דוּרְךְ טַאטֶע מַאמֶע, [7]אוּן מֶען הָאט אָנְגֶעטוּהְן דִי נְשָׁמָה מִיט אַ גוּף (נִדָּה ל"א ע"א), דָאךְ לַייכְט וַוייטֶער זַיין נְשָׁמָה, דוּרְכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים יֶעדֶע זַאךְ, אוּן עֶר מִשְׁפָּט זִיךְ: וָואס טוּה אִיךְ? וואוּ הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט? טוּה אִיךְ גוּט אָדֶער נִישְׁט?[8] (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן טו), אוּן אַזוֹי לֶעבְּט עֶר שְׁטֶענְדִיג מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְטְס וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעמְט צוּרִיק אַרוֹיף זַיין נְשָׁמָה, אִיז בַּיי אִים שׁוֹין נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע חִילוּק, וַוייל עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג

---

[7] אוּן דִי טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען אוֹיךְ שׁוּתָּפִים אִינֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין מוֹרָא'דִיג גֶעוָוארֶענְט אִין 'כִּבּוּד אָב וָאֵם', אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי חָלִילָה נִישְׁט מְצַעֵר צוּ זַיין.

[8] צוּם בַּיישְׁפִּיל אַ בָּחוּר וָואס עֶר בֶּעהְט זִיךְ בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ דֶעם אֱמֶת'ען חֶשְׁבּוֹן, אַז דוּרְכְ'ן צַדִיק טְרֶעפְט מֶען דֶעם שִׁידוּךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פט), וַוייסְט עֶר אַז עֶר וֶועט בְּלַייבְּן דָא אִין דִי יְשִׁיבָה, וֶועט נָאר נֶענְטֶער וֶוערְן זַיין שִׁידוּךְ.

גֶעלֶעבְּט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין.

חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת דַף י׳ ע״א): דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ הָאט פִּינֶעף נֶעמֶען, אוּן זִי זִיצְט אִין פִּינֶעף וֶועלְטְן, אוּן זִי הָאט פִּינֶעף זַאכְן אַזוֹי וִוי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאר דֶער עִיקָר צָרָה אִיז אַז אֵיינְמָאל דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ דָא, פַארְגֶעסְט מֶען אִינְגַאנְצְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶע מְלַמְדִים, אוּן מֶען קְלַאפְּט אִים אַרָאפּ אִין חֵדֶר וְכוּ׳.

אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מֶען אִיז זוֹכֶה, אוּן מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס עֶר עֶפֶענְט אוּנְז אוֹיף דִי אוֹיגְן מִיטְן מֹחַ אוּן דִי הַארְץ, פַאנְגְט מֶען אָן צוּ זֶעהְן דֶעם תַּכְלִית, אַז דִי וֶועלְט שְׁטֵייט נָאר אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אִין יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַלֶעס וָואס מִיר זֶעהְן: **דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר**, אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן גוֹיִם, אַלֶע מְדִינוֹת, אַלֶע שְׁמוּץ, אַלֶעס אַלֶעס אִיז נָאר צוּלִיב דִי בְּחִירָה אוּן נִסָיוֹן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ש), אוֹיס צוּ פְּרָאבִּירְן דֶעם מֶענְטְשׁ, צוּ עֶר וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן

בַּאשֶׁעפֶער, און ווייסן אַז אַלֶעס איז דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט גְלַייךְ אִין דִי עֶרְשְׁטֶע תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן א): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיפְן שֵׂכֶל וָואס אִיז דָא אִין יֶעדֶע זַאךְ; אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער דָארְט, און פוּן דָארְט זָאל עֶר מַאכְן אַ תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און רֶעדְן צוּ אִים, און זִיךְ מִשְׁפָּטְ׳ן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ בִּין דוּרְךְ גֶעפַאלְן מִיט אַן עֲבֵירָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ד): 'עֲבֵירָה' אִיז אַ לָשׁוֹן 'מֵעֵבֶר אֶל עֵבֶר' - פוּן אֵיין זַייט צוּ דִי צְוֵוייטֶע; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַן עֲבֵירָה, גֵייט דִי שְׁמוּץ אַרַיין אִין זַיינֶע בֵּיינֶער דוּרְךְ און דוּרְךְ.

אָבֶער דָאס אַלֶעס קוּמְט נָאר וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וִויל נִישְׁט אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר אִיז אַ קִינְד פוּנֶעם אֵייבֶּערשְׁטְן, און עֶר אִיז חָשׁוּב און טַייעֶר בַּיים אֵייבֶּערשְׁטְן, וָואס דָאס אַלֵיינְס אִיז שׁוֹין אַ מוֹרָא׳דִיגֶער פְּגַם, וָואס קוּמְט פוּן שְׁמוּץ, וַוייל בֶּאֱמֶת דַארְף אַ מֶענְטְשׁ ווייסְן אַז עֶר אִיז מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב און טַייעֶר בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס לֶערְנְט אוּנְז

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס, צוּ לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער[9], אוּן שׁוֹין יֶעצְט מַאכְן אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן יֶעדְן טָאג מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז מֶען וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט.

## ה.

הַיינְט [ל׳ נִיסָן – דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָיר] אִיז דִי יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִוי בַּאקַאנְט אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו, אַז וֶוען זַיין רֶבִּי דֶער ׳אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ׳ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים אוֹיסְגֶערִימְט (שַׁעַר הַגִּלְגּוּלִים הַקְדָמָה לח), הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס אִיז מִיר דִי רֶבִּי אַזוֹי מְשַׁבֵּחַ? הָאט אִים דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה דַיין גְרוֹיסְקֵייט אִין הִימְל! הָאט עֶר צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: אָבֶער עֶס אִיז דָאךְ דָא נָאךְ גְרֶעסֶערֶע צַדִיקִים?![10] זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י:

---

[9] אוּן אַ יוּנְגֶערְמַאן וָואס דַארְף פַּרְנָסָה, שָׁלוֹם בַּיִת, קִינְדֶער, הַצְלָחָה פַאר דִי קִינְדֶער, רֶענְט, לֶעקְטֶער וְכוּ, יֶעדֶע זַאךְ זָאל עֶר רֶעדְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן פוּן אִים בֶּעטְן.

[10] וִוי בַּאקַאנְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה – בֶּעפָאר דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען קַיין צְפַת – גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם אַלְשִׁיךְ הַקָדוֹשׁ אוּן פוּנֶעם

אָבֶּער דַיינֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אַזוֹי וְוי דֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא! (סֵפֶר הַחֶזְיוֹנוֹת בְּסוֹפוֹ אוֹת יא), הָאט עֶר זִיךְ מוֹרָא'דִיג גֶעוואוּנְדֶערְט דֶערוֹיף, זָאגְט אִים דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ: וְויסְן זָאלְסְטוּ "אַז יֶעדֶער אִיד אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, אַז עֶר טוּט אַ מִצְוָה פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דָאס אַזוֹי חָשׁוּב וְוי רֶבִּי עֲקִיבָא"! (עַיֵין יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל פַּרְשַׁת עֵקֶב בְּסוֹפוֹ), אוּן עֶר הָאט דָאס אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען, וְויבַּאלְד אַלֶעס אִיז הַיינְט אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְשְׁטֶעלְט אוּן בַּאהַאלְטְן, דֶערְפַאר אַז אַ אִיד גֵייט נָאךְ מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, עֶר לֵייגְט תְּפִלִּין, אִיז דָאס אִין הִימְל מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב.

דָאס הָאט דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ שׁוֹין גֶעזָאגְט פַאר פִיר הוּנְדֶערְט אוּן פֶערְצִיג יָאר צוּרִיק, אוּן וָואס עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל פוּן דֶעמָאלְטְס בִּיז הַיינְט 'בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא', קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן,

---

הֵיילִיגְן רְמַ"ק [רֶבִּי מֹשֶׁה קוֹרְדִיבוֹרִי] זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס.

וַוייל מִיר זֶענֶען שׁוֹין יֶעצְט אוֹיפְן נִידֶערִיגְסְטְן שְׁטַאפְּל וָואס קֶען שׁוֹין נִישְׁט זַיין נִידֶערִיגֶער [**עֶקֶב שֶׁבְּעֶקֶב**][11], בִּפְרַט הַיינְט וָואס אִיז נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעקוּמֶען דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבוֹדָה זָרָה פוּן 'פְּעוֹר', דִי אַלֶע טֶעכְנָאלָאגְיֶע וָואס זֶענֶען בַּאהָאפְטְן צוּם אִינְטֶערְנֶעט [אֵייפַּאד, אֵייפָאוּן, סְמַארְט פָאוּן, וְכוּ'], אוּן מֶען טְרָאגְט דָאס לֵיידֶער שְׁטֶענְדִיג אַרוּם מִיט זִיךְ רַחֲמָנָא לִצְלָן[12].

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רמב): אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא '**אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְדוּשָׁה**', אַז וואוּ אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זֶעהְט עֶר נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אִיז

---

[11] אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט לַיידֶער וִויפִיל בָּחוּרִים פַאלְן אַוֶועק, [וָואס אַלֶעס קוּמְט נָאר, וַוייל מֶען הָאט אִין זֵיי אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַז זֵיי טוֹיגְן נִישְׁט].

[12] וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר? אַז מֶען הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעדֶעקְט, אוּן גֶעמַאכְט דִי גֶעבְּרוֹיכְן אַקֶעגְן דֶעם, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ צַאמְגֶעזֶעהְן אַלֶע שְׁמוּץ, אוּן דָאס פְלֶעגְט מֶען שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן מִיט זִיךְ, עֶס קוּשְׁן אוּן הַאלְדְזְן; מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז הַיינְט מִיט דִי אַלֶע כֵּלִים, מֶען טְרָאגְט דָאס מִיט זִיךְ, אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין קוּקְן דֶערִין אִין אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע עֶקֶעלְדִיגֶע פְלֶעצֶער, בִּפְרַט וֶוען מֶען דֶעקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין בֵּית הַכִּסֵּא וְכוּ'.

פאַרקערט אויך דאָ 'אַריך אַנפּין דטומאָה', אַז וואו ער דרייט זיך זעהט ער אַ פּרוי; און עס ווערט בּיי אים מקוים דאס וואס עס שטייט אין די תּוכחה (דברים כח, לד): וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה. ער מוז אָנקוקן יעדע פּרוי וואס גייט אויפן גאס, און ער ווערט דערפון אינגאַנצן משוגע, בּיז דאס הרג'עט אים אָפּ, אַזוי ווי דער הייליגער רבּי זאָגט (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן לו): 'ניאוף' פאַרבּרענט די מוח פון אַ מענטש.

אָבער אַז מען נעמט אין זיך אַריין די אמונה, און מען ווייסט אַז 'מלא כל הארץ כּבודו', איך זעה נישט גאָרנישט, און עס איז גאָרנישט דאָ, נאָר דער בּאשעפער, ווען איך גיי אויפן גאס רעד איך מיטן אייבערשטן, ווען איך טרעף אַ חבר רעד איך מיט אים פונעם אייבערשטן, בּמילא ווער איך אָפּגעהיטן פון אַלעם שלעכטס, דאס איז 'אַריך אַנפּין דקדושה' - איך זעה נאָר דעם אייבערשטן.

דערפאַר אינעם היינטיגן דור וואס עס איז דאָ אַזאַלעכע שמוץ, און דאָך דרייט זיך אַרום אַ בּחור אָדער אַ יונגערמאַן

וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דוּ בַּאהַאלְטְס זִיךְ טַאקֶע פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶער פוּן מִיר וֶועסְטוּ דִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן! וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט מִיר מְגַלֶּה גֶעוֶוען אוּן אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

אַוַודַאי זֶענֶען פַארְהַאן מֶענְטְשְׁן וָואס לַאכְן פוּן דֶעם, מִיט דִי טַעְנָה: וֶוער וֵוייסְט דֶען נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט?! אָבֶער אוֹיף דִי טַעְנָה אִיז שׁוֹין בַּאקַאנְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיים הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ:

וִוי בַּאוְויסְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב גֶעוֶוען נָאךְ אַלְץ יוּנְגֶערְמַאן מוֹרָא'דִיג גְרוֹיס 'בַּנִּגְלֶה' – מַמָּשׁ אַ וֶועלְטְס גָאוֹן, אָבֶער וִויבַּאלְד וִוילַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט מְקוּרָב צוּ אַ צַדִּיק שְׁפִּירְט מֶען אַז עֶפֶּעס פֶעלְט (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ח', מֵרַב וּבֶן יָחִיד), אִיז בַּיי אִים אוֹיךְ אַזוֹי

גֶעוֶוען, דֶערְפַאר אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און דִי מוֹרָא׳דִיגֶע לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס מֶען שְׁפִּירְט בַּיי אִים, אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן ׳מַגִיד׳, דָארְט אִיז עֶר גֶעזִיצְן זֶעקְס אָדֶער אַכְט וָואכְן, אָבֶער זַיין שְׁוֶוער אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים: הַיִתָּכֵן אַ יוּנְגֶערְמַאן זָאל אִיבֶּערְלָאזְן זַיין וַוייבּ אַזוֹי לַאנְג?!

גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים: וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען, דוּ ׳בַּטְלָן׳ אֵיינֶער?! זָאגְט עֶר אָפֶּען אָן קַיין מוֹרָא: אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן! וָואס הָאסְטוּ זִיךְ גֶעלֶערְנְט דָארְט? - שְׁרֵייט דֶער שְׁוֶוער מִיט אוֹיפְבְּרוֹיז. ״אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיים גְרוֹיסְן מַגִיד, אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט״! הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן לַאכְן: וֶוער וֵוייסְט דָאס דֶען נִישְׁט?! עֶר רוּפְט גְלַייךְ אַרַיין דִי מְשָׁרְתֶת אַ גוֹי׳טֶע, און פְרֶעגְט אִיר: וֶוער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט? זָאגְט זִי: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. זָאגְט עֶר: זֶעהְסְטוּ, אֲפִילוּ אַ גוֹי׳טֶע וֵוייסְט דָאס, און דוּ הָאסְט גֶעדַארְפְט פָארְן

צוּ דַיין רֶבִּי'ן דָאס זִיךְ צוּ לֶערְנֶען?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער: "זִי זָאגְט טַאקֶע אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער אִיךְ וֵויים דָאס"!

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, "אַז אֵיינֶער אִיז מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן 'וֵוייסְט' עֶר אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט", עֶר 'וֵוייסְט' אַז מֶען קֶען יֶעדֶע זַאךְ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער! עֶר 'וֵוייסְט' אַז מֶען רֶעדְט מִיט חֲבֵרִים פוּן בַּאשֶׁעפֶער! עֶר 'וֵוייסְט' אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל! עֶר 'וֵוייסְט' אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן גָארְנִישְׁט! אוּן אַז מֶען אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען זָאגְט אִים: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זָאלְסְט וִויסְן אִיךְ בִּין יֶעצְט אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּהְן, אָבֶער 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם', זָאלְסְט וִויסְן, אַז אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶכְט טוּהְן, נָאר דָאס אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ, אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרַע וְכוּ'. אוּן אַזוֹי פַארְעֶנְטְפֶערְט מֶען זִיךְ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אַ בָּחוּר מִיט זַיינֶע תֵּירוּצִים, אַ

יוּנְגֶערְמַאן מִיט זַיינֶע תֵּירוּצִים, אוּן אֲפִילוּ אַ אַלְטֶער אִיד מִיט זַיינֶע תֵּירוּצִים, אַזוֹי גֶעבְּט מֶען שׂוֹין אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מֶען לֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס הָאט אוּנְז עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל גֶעלֶערְנְט: אוֹיבּ ווִילְסְטוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן נִישְׁט טוּהְן קַיין עֲבֵירוֹת, דֶעמָאלְטְס זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דַארְפְּסְטוּ אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן; אָבֶער דָאס קֶען מֶען שׂוֹין יֶעצְט טוּהְן, מְמֵילָא וֶועט שׂוֹין נִישְׁט זַיין אוֹיף וָואס דַן צוּ זַיין וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט.

ו.

צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַ רֶמֶז פַארְוָואס דַוְקָא עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל הָאט דָאס גֶעלֶערְנְט? וַוייל 'מַהֲלַל-אֵל' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, 'עֲקַבְיָא' - דָאס דַארְף דֶערְגְרֵייכְן אֲפִילוּ אִין דִי פִּיס, פוּן דִי לָשׁוֹן 'עֲקֵבַיִים'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשׁ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ז, יב): וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן וְכוּ׳; ׳וְהָיָה׳ אִיז אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ אִיז מוֹרָא׳דִיג פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר הָאט, אֲפִילוּ אַזַאלֶעכֶע מִצְוֹת וָואס זֶענֶען בִּילִיג אִין דִי אוֹיגְן פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן מֶען טְרֶעט דֶערוֹיף מִיט דִי פִּיס (עַיֵּין בְּרַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ שָׁם), דָאךְ אִיז עֶר אַזוֹי פְּרֵיילִיךְ, בִּיז עֶר טַאנְצְט שׁוֹין פוּן גְרוֹיס פְרֵייד, דֶעמָאלְטְס קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק פִּירְט אוֹיס: וְשָׁמַר הֲוָיָ״ה אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וֶועט אִים אָפְּהִיטְן פוּן ׳פְּגַם הַבְּרִית׳ אוּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

וִוי בַּאוואוּסְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער ׳צֶמַח צֶדֶק׳ מְלִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם גְרוֹיסְן ׳בַּעַל הַתַּנְיָא׳ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר אִיז בַּיי אִים

אוֹיפְגֶעוַואקְסְן[13], הָאט פַּאסִירְט אֵיינְמָאל - וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל פוּן פִינֶעף יָאר - אַז זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער ׳בַּעַל הַתַּנְיָא׳ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר: וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט הַיינְט? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעלֶערְנְט דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כו, ה): **עֵקֶב אֲשֶׁר שָׁמַע אַבְרָהָם בְּקוֹלִי**; אוּן עֶר אִיז מַסְבִּיר, **אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא ׳גִילוּי**

---

[13] אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אַז עֶר דַארְף אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט [בְּסוֹף שְׁנַת תקנ״ב], אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט דֶערְפוּן מִיט זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, זַיין טָאכְטֶער [הָרַבָּנִית דְבוֹרָה לֵאָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אוּן מְלוּמֶדֶת, אוּן גֶעטְרַיי צוּ אִיר הֵיילִיגֶער פָּאטֶער מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים] הָאט דָאס אוֹיךְ גֶעהֶערְט, הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר אִיר טַאטֶע: טַאטֶע, אִיךְ וִויל עֶנְדֶערְשׁ אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט אַנְשְׁטָאט דִיר! אָבֶער אִיךְ בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף מַיין קִינְד מֶענְדֶעלֶע [הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מְנַחֶם מֶענְדְל, הַ׳צֶּמַח צֶדֶק׳ מִלְיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ]. זִי אִיז טַאקֶע אַוֶועק דֶעמָאלְטְס [צוֹם גְדַלְיָה תקנ״ג], אוּן דֶער הֵיילִיגֶער ׳בַּעַל הַתַּנְיָא׳ הָאט אִים אוֹיפְגֶעצוֹיגְן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר אוֹיךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ אֵיינִיקְל פוּנֶעם בַּעַל הַתַּנְיָא, דִי טָאכְטֶער פוּנֶעם מִיטֶעלֶער רֶבִּי׳ן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דוּבֶּער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [זוּהְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא].

אֱלֹקוּת׳, ״אַז אֲפִילוּ אִין דִי פִּיס [עֶקֶב] הָאט עֶר גֶעוִויסְט אִיךְ גֵיי מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער״! נִישְׁט נָאר אִין קָאפּ.

דֶער ׳בַּעַל הַתַּנְיָא׳ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ דֶעם וָוארְט, אוּן מוֹרָא׳דִיג בַּאוואוּנְדֶערְט אַז אַ קְלֵיין אִינְגְל זָאל מְחַדֵשׁ זַיין אַזַא חִידוּשׁ! הָאט עֶר אוֹיף דֶעם צוּגֶעלֵייגְט אוּן גֶעזָאגְט: מִיר טַייטְשְׁן אוֹיךְ אַזוֹי: ׳וְהָיָה׳ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ? ׳עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן׳ - אוֹיבּ אֲפִילוּ דִי פִּיס [עַקַבַיִים], וָואס אִיז דִי גַאנְץ אוּנְטֶערְשְׁטֶע חֵלֶק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועט אוֹיךְ הֶערְן אֱלֹקוּת.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט, ׳אִיךְ בִּין דָא מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, אִיז עֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; אוּן אֲפִילוּ עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, וֵוייסְט עֶר אַז ׳דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז מַיין טַאטֶע׳, מְמֵילָא זָאגְט עֶר פַאר זַיין טַאטֶע: אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן אִיךְ בִּין נָאךְ אַ בָּחוּר? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מוֹרָא׳דִיג הֲנָאָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ אִים אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס אוֹיס.

## ז.

דֶערְפַאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן און מִיר זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה וָואס הֵייסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען זִיךְ נָאר דֶערְמַאנֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לד): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן ׳נְקוּדַּת הַחַבֵר׳; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ אַז מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, וֶועגְן דֶעם הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי [וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי פוּנֶעף פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים וָואס רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן דָאסְנַיי, נָאכְדֶעם וָואס אַלֶע זַיינֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן], מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען און אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ יְסוֹד פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נָאר לִיבּ הָאבְּן, און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט (זוֹהַר נָשֹׂא קכ״ח ע״א): אֲנַן בְּחַבִיבוּתָא תַּלְיָא – אוּנְזֶער גַאנְצֶע זַאךְ וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין לִיבְּשַׁאפְט. בִּפְרַט חֲבֵרִים וָואס לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם אִין אֵיין יְשִׁיבָה, אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אַז

מֶען הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען, אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוּם, פַארְקֶערְט, אֵיינֶער רֶעדְט מִיטְן אַנְדֶערְן נָאר פוּן אֱמוּנָה: דַארְפְסְט עֶפֶּעס? בֶּעהְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט אוֹיךְ. אוּן אַז מֶען גֵייט אוֹיף אַזַא וֶועג, קְרִיגְט מֶען זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, אַוַודַאי נִישְׁט צְוִוישְׁן דִי חֲבֵרִים.

אָבֶער אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס מֶען קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם הָאט מֶען אַ פָּנִים ווִי דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא, וָואס כָאטְשִׁיג עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער 'תַּנָא' וָואס הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹיפִיל תַּלְמִידִים, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אָבֶער וִויבַּאלְד דִי תַּלְמִידִים הָאבְן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, נָאר פַארְקֶערְט זֵיי הָאבְן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אוֹיפְגֶעגֶעסְן, אִיז פוּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְן רַחֲמָנָא לִצְלָן[14], וָואס צוּלִיבּ דֶעם טְרוֹיעֶרְט מֶען

14 מֶען זָאגְט נָאךְ אַז הרה"ק רֶבִּי אִיצִיקְל מִפְּשֶׁעוָוארְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן אַנְטְוֶוערְפְּן, הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט דֶעם טַעַם פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אַז בָּחוּרִים זָאלְן יָא לֵייגְן תְּפִלִין 'חוֹל הַמוֹעֵד', כָאטְשׁ בַּיי דִי חֲסִידִים הָאט

יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג, וֶוען מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן קַיין מוּזִיק, אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין חֲתוּנוֹת.

אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְן זָאגְן: אַנַ״ן אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רצב).

## ח.

בִּפְרַט אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּ בַּאקוּמֶען דִי מַתָּנָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז

---

מֶען זִיךְ גֶעפִירְט לוֹיטְן זֹהַר (זֹהַר חָדָשׁ שִׁיר הַשִּׁירִים סד, ד; וְעַיֵּין בֵּית יוֹסֵף אוֹרַח חַיִּים סִימָן לא), וָואס אִיז זֵייעֶר מַחְמִיר מֶען זָאל נִישְׁט לֵייגְן, אַזוֹי וִוי מִיר פִירְן זִיךְ טַאקֶע, נָאר דָאס הָאט פַּאסִירְט אֵיינְמָאל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ חוֹל הַמּוֹעֵד, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן וִוי צְוֵויי בָּחוּרִים שְׁלָאגְן זִיךְ, פְּרֶעגְט עֶר זֵיי: וואוּ אִיז עֶנְקֶער תְּפִלִּין? זָאגְן זֵיי: עֶס אִיז דָאךְ חוֹל הַמּוֹעֵד! זָאגְט עֶר: נוּ וָואס אִיז? זָאגְן זֵיי: אָבֶּער מִיר זֶענֶען דָאךְ חֲסִידִים, וָואס לֵייגְן נִישְׁט קַיין תְּפִלִּין חוֹל הַמּוֹעֵד? זָאגְט עֶר: חֲסִידִים זֶענְט עֶטְץ? שְׁלֶעגֶערְס זֶענְט עֶטְץ... ! שׁוֹין זָאלְט אִיר אָנְהֵייבְּן לֵייגְן תְּפִלִּין!

חֲזַ״ל זָאגְן (מְנָחוֹת לו ע״ב): וֶוען מֶען הָאט אָן דִי תְּפִלִּין טָאר מֶען נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין דֶערְפוּן. אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל גֶעדֶענְקְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט (עַיֵּין רַמְבַּ״ם הֲלָכוֹת תְּפִילִין פֶּרֶק ד, הֲלָכָה כה): תְּפִלִּין הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַגַאנְצְן טָאג פוּן אַלֶע מַשְׁחִיתִים.

אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט, וָואס הֵייסְט: ׳הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳[15], אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נט): דֶער צַדִיק בּוֹיעֶט אוֹיף אַ ׳הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳; וָואס דָאס אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס הֵיכַל אִין הִימְל, דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוּן נִישְׁט זִיךְ צוּטוּהְן מַאכְן פוּן דִי וָואס לַאכְן, אוּן מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּנֶעם ׳דֶרֶךְ הַלִימוּד׳: עֶר הָאט דָאךְ נָאר גֶעזָאגְט...! יַשֶׁר כֹּחַ, זֵייעֶר פֵיין! מִיר וֶועלְן אָבֶּער זֶעהְן אוּן זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְן וֶוער עֶס וֶועט לַאכְן דִי לֶעצְטֶע, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה נב, ב), אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כה): **עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן; אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת** - וֶוען לַאכְט אוּן שְׁמֵייכְלְט דִי תּוֹרָה צוּ דֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט

[15] אוּן אַז אִיר לֶערְנְט דָא אִין יְשִׁיבַת ׳תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה׳, וָואס דָאס מֵיינְט ׳דִי שֵׁיינְקַייט אוּן דִי פְּרַאכְט פוּן תּוֹרָה׳, כִּשְׁמוֹ כֵּן הוּא - אַזוֹי אִיז עֶס טַאקֶע, אַ בְּרֶענְטְשׁ פוּן ׳הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳ וואוּ מֶען וֶוערְט גֶעוָואר דִי שֵׁיינְקַייט אוּן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דַארְפְט אִיר זִיךְ זִיכֶער זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן זַיין זֵייעֶר שְׁטָאלְץ מִיט דֶעם.

דֶערִין אַגַאנְץ לֶעבְּן? אִין דֶעם לֶעצְטְן טָאג פוּן לֶעבְּן. הֱוֵי: וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן.

וַוייל אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל, אוּן מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן פוּן דִי אַלֶע גֶעלֶעכְטֶער אוּן לֵיצָנוּת׳לֶעךְ פוּן אַלֶע לֵיצִים, מִיט סַיי וֶועלְכְן מַאסְק זֵיי טוּעֶן זִיךְ נָאר אָן, נָאר מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י, אִיז מֶען זוֹכֶה גְרִינְגֶערְהֵייט צוּ עֶנְדִיגְן בִּיז פְּרַייטִיג דִי גַאנְצֶע וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה (עַיֵין אוֹרַח חַיִים סִימָן רפה, סָעִיף ג), אַזוֹי אוֹיךְ לֶערְנְט מֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, אֵיין פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט אֵיין מָאל מִשְׁנַיוֹת, אוּן מֶען הֵייבְּט שׁוֹין אָן נָאכְאַמָאל, דָאס אִיז דָאךְ דַיין חַיוּת, דַיין פַארְמֶעגְן! נָאר דָאס וֶועסְטוּ מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט! דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ מִיט גְמָרָא, אַזַא חַיוּת מֶען כַאפְּט אַרַיין נָאךְ אַ דַף אוּן נָאךְ אַ דַף גְמָרָא, ״זָאל יֶעדֶער לַאכְן וִויפִיל עֶר וִויל, אִיךְ וֶועל מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ לֶערְנֶען אַזוֹי וִוי מַיין רֶבִּי הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט״! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי עֶרְקְלֶערְט דָאס בַּאֲרִיכוּת (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן עו), אוּן עֶר לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַ

הֵיילִיגְן וֶועג, וִוי אַזוֹי אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס [מֵיינְט אַז עֶר] הָאט אַ פַארְשְׁטָאפְּטְן קָאפּ, קֶען אוֹיךְ דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע גַאנְצֶע תּוֹרָה אַסַאךְ מָאל, בִּיז עֶר זֶעהְט אַז עֶר קֶען יָא! עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען הָאט אִים אַרָאפּ גֶעקְלַאפְּט אַלֶע יָארְן.

דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי יוֹסֵף עֶנְגֶל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער גָאוֹן, אוּן גֶעמַאכְט אַסַאךְ טִיפֶע סְפָרִים, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״פַאר אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַדֵּשׁ צוּ זַיין, הָאבּ אִיךְ דוּרְךְ ׳גֶעזָאגְט׳ פֶערְצִיג מָאל שַׁ״ס״! אוּן הַיינְט אַז מֶען זָאגְט דָאס אוֹיף אֵיינֶעם וֶועט מֶען לַאכְן...

יֶעצְט אִיז אַוֶועק דֶער טַייעֶרֶער יוּנְגֶערְמַאן [אִיר הָאט אִים אַלֶע גֶעקֶענְט] חַיִים בֶּנְצִיוֹן נָטֶע בֶּן ר׳ בֶּנְצִיוֹן הַכֹּהֵן[16]

[16] עֶר הֵייסְט נָאךְ זַיין טַאטְן, וַוייל וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען זַיין ׳שָׁלוֹם זָכוֹר׳ אִיז זַיין טַאטֶע אַוֶועק אִינֶעם יוּנְגְן עֶלְטֶער פוּן זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ זֶעלְטֶענֶע זַאךְ אַז אַ קִינְד זָאל נִישְׁט קֶענֶען זַיין טַאטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵיינְצִיגֶער בְּרוּדֶער גֶעדֶענְקְט אוֹיךְ נִישְׁט דֶעם טַאטְן, עֶר אִיז דֶעמָאלְטְס אַלְט גֶעוֶוען צְוֵויי אוּן אַהַאלְבּ יָאר, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶר

[גְרָאס] זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דֶערְצֵיילְט מֶען אַז עֶר אִיז גֶעזֶעצְן און גֶעלֶערְנְט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ נָאכַאנַאנְד שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אַפָּאר שָׁעָה חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, מִדְרָשׁ וְכוּ׳, אִין דִי רַייעֶ. יֶעצְט לַאכְט עֶר זִיךְ שׁוֹין אוֹיס פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט[17].

---

אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן, און זַיין מַאמֶע הָאט נִישְׁט גֶעוְוִיסְט וִוי אַזוֹי מִיר גֶענוּג אָפְּצוּדַאנְקֶן דֶערוֹיף, וַוייל זַיין גַאנְצֶער חַיוּת און חִיזוּק אִיז נָאר גֶעוֶוען פוּן דָא.

[17] פוּפְצְן מִינוּט נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז אַוֶועק, הָאט מִיר דִי מִשְׁפָּחָה גֶערוּפְן און גֶעפְרֶעגְט: וָואס טוּט מֶען יֶעצְט? וָואס מֶען טוּט? מֶען מַאכְט שׁוֹין דִי לְוָיָה וָואס פְרִיעֶר, מֶען וַוארְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אֲפִילוּ עֶס אִיז אִינְמִיטְן נַאכְט; בָּרוּךְ הַשֵׁם זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעפָאלְגְט. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען 'מְנַחֵם אָבֵל' זַיין, דֶערְצֵיילְט מִיר דֶער בְּרוּדֶער, אַז דָא לִיגְט אַ מִשְׁנַיוֹת וָואס שְׁטֵייט דֶערִין אָנְגֶעצֵייכְנְט: פוּנֶעף און צְוָואנְצִיג מָאל גֶעזָאגְט שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶערְמַאן אַן אוֹיבֶּער חָכָם, רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: עֶס שְׁטֵייט אָבֶּער נָאר 'אָמַרְתִּי'! זָאג אִיךְ אִים: וָואס אִיז דֶען דִי חִילוּק צוּ 'אָמַרְתִּי' [גֶעזָאגְט] צוּ 'לָמַדְתִּי' [גֶעלֶערְנְט], עֶס אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ! מֶען זָאגְט יֶעדְן פְרַייטִיג צוּנַאכְטְס בַּיי דִי תְּפִלָּה נָאךְ 'שִׁיר הַשִּׁירִים': יְהִי רָצוֹן מִלְפָנֶיךָ וְכוּ׳, שֶׁבִּזְכוּת שִׁיר הַשִּׁירִים אֲשֶׁר קָרִיתִי וְלָמַדְתִּי וְגוֹ׳; וַוייל עֶס אִיז אֵיין זַאךְ. [אַגַב, כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זָאל מֶען זָאגְן 'שִׁיר הַשִּׁירִים', וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל, עֶס לִיגְט דֶערִין אַלֶע עֶרְלֵיי רְפוּאוֹת (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמג)]. דָאס הָאבּ אִיךְ אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן, אַז דֶער נִפְטָר הָאט זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵׁם אָנְגֶעגְרֵייט מִיט נָאךְ אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, עֶר הָאט נָאר גֶעטְרָאפְן אָנְגֶעצֵייכְנְט אִין אֵיין מִשְׁנַיוֹת, אָבֶּער עֶר הָאט דָאךְ גֶעהַאט נָאךְ פֶּעקְלֶעךְ מִיט סְפָרִים וָואס עֶר הָאט

הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט מִיר אַמָאל פַארְצֵיילְט, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ חַבֵר וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים, דֶער חַבֵר אִיז פְּלוּצְלִינְג אַוֶועק, אֵיינְמָאל הָאט עֶר אִים גֶעזֶעהְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס קוּמְט אִיר נִישְׁט לֶערְנֶען? זָאגְט עֶר: אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ נִפְטָר, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: וָואס טוּט זִיךְ מִיט אַייךְ דָארְט, אוּן פַארְוָואס זֶענְט אִיר אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? זָאגְט עֶר

צַאמְגֶעלֶערְנְט וְכוּ׳, אָבֶּער דוּ וִוידֶער, וָואס וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְטוּהְן? אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דִי צַייטוּנְג אוּן יֶענֶע צַייטוּנְג... אוּן דָאס וֶועסְטוּ נֶעבֶּעךְ מִיטְנֶעמֶען! וָואס טְרַאכְסְטוּ, דוּ וֶועסְט נָאךְ לַאנְג לֶעבְּן?! קוֹדֶם וָואס וַוייסְט אַ מֶענְטְשׁ ווילַאנְג עֶר וֶועט לֶעבְּן, הַיינְט אִיז אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אַרוֹיפְגֶעפָארְן אַ קַאר אוֹיפְן סַיידְוָואק, אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט הַיינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַ טְרָאק פַארְלוֹירְן קָאנְטְרָאל, אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפָארְן אִין אַכְט קַארְס, אוּן גֶע׳הַרְגֶ׳עט זֶעקְס מֶענְטְשְׁן, אוּן נָאךְ צְוֶועלֶעף מֶענְטְשְׁן זֶענֶען שְׁוֶוער פַארְוואוּנְדֶערְט גֶעוָוארְן רַחֲמָנָא לִצְלַן. אִיךְ טָאר נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן סַיידְוָואק? אִיךְ טָאר נִישְׁט פָארְן מִיט מַיין קַאר? זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז קֵיין אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָארְגְט אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין מִינוּט, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דַארְף עֶר מוֹרָא הָאבְּן? אִיךְ קוּם פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִיךְ גֵייט צוּרִיק צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מְמֵילָא אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, מִיט זַיין פֵּיאוֹת, בָּארְד, צִיצִית, תְּפִלִין, וָואס עֶר הָאט, אוּן עֶר אִיז מָלֵא שִׂמְחָה.

אִים: אֱמֶת טַאקֶע אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאךְ הָאט מֶען אַ טַעֲנָה אוֹיף מִיר "פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט 'כְּסִדְרָן', אִין אַ רֵייעֶ".

אוֹיךְ הָאט מִיר רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט, אַז אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם רֶבִּי גֶעצִי זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אֵיינְמָאל נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי בָּרוּךְ, הָאט אִים זַיין אֵיידֶעם גֶעפְרֶעגְט: וָואס אִיז מִיט אַייךְ דָארְטְן? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: עֶס אִיז מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְט, נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט מַאכְן בֶּעסֶער.

דֶערְפַאר אַז אֵיינֶער מַאכְט חוֹזֶק: דוּ לֶערְנְסְט אוֹיךְ דָארְטְן אִין יְשִׁיבָה? מֶען זָאגְט דָאךְ נָאר דָארְט, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט! דַארְף מֶען קַיין שׁוּם הִתְפַּעֲלוּת נִישְׁט הָאבְּן, נָאר עֶנְטְפֶערְן מִיט אַ זִיכֶערְקֵייט: אוֹי זָאג אִיךְ אַסַאךְ וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! יָא אָבֶּער - לָאזְט יֶענֶער נִישְׁט נָאךְ - דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט, דוּ דַאוֶונְסְט דָאךְ נָאר? בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ דַאוֶוען טַאקֶע אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אַזוֹי דַארְף מֶען

שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן ׳דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה׳ מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, און זִיךְ גָארְנִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן[18].

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וֶוען עֶר אִיז

[18] הַיינְט אִיז דֶער יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן ׳יַעֲבֵ״ץ׳ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [נִפְטַר ל׳ נִיסָן, א דר״ח אִיָּיר שְׁנַת תקל״ו], וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ זוּהְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן ׳חַכַם צְבִי׳ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [נִפְטַר א׳ אִיָּיר שְׁנַת תע״ח], זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט אִין אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וֶוען עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים דִי ׳פְרַאנְקִיסְטְן׳ יִמַח שְׁמָם, נָאכְפָאלְגֶערְס וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן פוּן שַׁ״ץ רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען מוֹרָא׳דִיג שַׁארְף אַקֶעגְן אַלֶע לֵיצָנִים, און נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זָאגְן אָפֶען דֶעם אֱמֶת; דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אֵיינִיקְל פוּן ׳חַכַם צְבִי׳, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף זַיין מַצֵּבָה אַז עֶר אִיז אַ אֵיינִיקְל פוּנֶעם ׳חַכַם צְבִי׳, וַוייל עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם דֶרֶךְ, און עֶר אִיז זֵייעֶר שַׁארְף גֶעוֶוען אַקֶעגְן אַלֶע לֵיצָנוּת פוּן דִי וָואס נוֹיגְן אָפּ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַלֶע מִינֵי חָכְמוֹת. און אוֹיף דֶעם וֶועג דַארְפְט אִיר אוֹיךְ גֵיין, און נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן אֵיינֶעם וָואס מַאכְט לֵיצָנוּת אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת: יָא בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ זָאג מִשְׁנַיוֹת! הַלְוַואי זָאלְסְטוּ דָאס אוֹיךְ פְּרָאבִּירְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן וִוי גוּט דִי תּוֹרָה אִיז, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים לד, ט): טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה׳ - קָאסְט אַבִּיסְל, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז גוּט און זִיס; און וָואס נָאךְ? אִיךְ זָאג וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! און אַז מֶען רֶעדְט אַזוֹי מִיט שְׁטַארְקֵייט, דֶעמָאלְטְס, אָדֶער וֶועט יֶענֶער הָאבְּן אַ ׳הִרְהוּר תְּשׁוּבָה׳ פוּן דֶעם אַז אַ יוּנְגֶער בָּחוּר רֶעדְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און נָאר פוּן תּוֹרָה, אָדֶער וֶועט עֶר אַנְטְלוֹיפְן.

## גֶעוֶוען אִין אוּמַאן פְלֶעגְט עֶר אַרוֹיסְגֵיין שְׁפַּאצִירְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִין דִי גְרוֹיסֶע גָארְטְן ׳סוֹפְיָה׳[19], אֵיינְמָאל הָאט

---

[19] אִין דֶעם גָארְטְן זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע פְלַאנְצוּנְגֶען אוּן אַלֶע מִינֵי פֵּירוֹת וָואס וַואקְסְט נָאר עֶרְגֶעץ וואוּ אִין דִי וֶועלְט [הַיינְט אִיז דָאס שׁוֹין פַּארְטְרוּקֶענְט גֶעוָוארְן, אוּן בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן אִיז אַלֶעס חָרוּב גֶעוָוארְן], דִי גָארְטְן הָאט מֶען גֶעמַאכְט, נָאכְדֶעם וָואס אִין דִי יָאר תקכ״ח אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִין אוּקְרֵיינָא אַ בַּאנְדֶע רוֹצְחִים [הֵיידִימַאקֶעס], מִיט זֵייעֶר הוֹיפְּט ׳גַאנְטָא׳ יִמַּח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ, וָואס עֶר הָאט דֶערְקְלֶערְט אַן אוֹיפְשְׁטַאנְד קֶעגְן דֶעם קֶענִיג, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְף צוּ דָארְף אוּן פוּן אֵיין גֶעגְנְט צוּם אַנְדֶערְן, אוּן אִיבֶּערַאל ווִי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי גֶע׳הַרְגֶ׳עט אוּן גֶערוֹיבְּט וָואס עֶס אִיז זֵיי נָאר אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען אוּנְטֶער דִי הֶענְט, בִּפְרַט וואוּ עֶס הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אִידְן, הָאבְּן זֵיי נֶעבֶּעךְ גֶע׳הַרְגֶ׳עט דִי אִידְן מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן צוּגֶערוֹיבְּט זֵייעֶר גַאנְצֶע פַּארְמֶעגְן, וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין דִי גֶעגֶענְט פוּן אוּמַאן, זֶענֶען אַלֶע אִידְן פוּן אַלֶע דֶערְפְלֶעךְ אַרוּם אוּן אַרוּם אַרֵיין גֶעלָאפְן אִין אוּמַאן, דֶער מֶעְיָאר פוּן אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גְרַאף, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אִידְן, הָאבְּן דִי אִידְן גֶעקְלֶערְט אַז מֶען וֶועט זִיךְ קֶענֶען בַּאשִׁיצְן אִין דֶעם גְרוֹיסְן פֶעסְטוּנְג וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, צוּם סוֹף וֶוען דִי רוֹצְחִים זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּם שְׁטָאט, הָאט זִיךְ דֶער גְרַאף בַּאהַאלְטְן אִין זַיין שְׁטוּבּ אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט צוּ זִיךְ, אִין צְווִישְׁן אִיז דֶער רוֹצֵחַ אַרֵיין גֶעקוּמֶען צוּם פֶעסְטוּנְג אוּן גֶעסְטְרַאשֶׁעט: עֶר זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי אִידְן אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט עֶר הַרְגֶ׳ענֶען זַיין בַּת יְחִידָה! צוּם סוֹף הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, אוּן דִי רוֹצְחִים זֶענֶען טַאקֶע אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, דֶעמָאלְטְס הָאבְּן זֵיי נֶעבֶּעךְ אוּמְגֶעבְּרֶענְגְט דְרַייסִיג טוֹיזֶענְט אִידְן מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי גֶע׳הַרְגֶ׳עט זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע טָאכְטֶער ׳סָאפְיָא׳; אוֹיף דֶעם

עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף אַ בַּאנְק, אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּרֶען אוּן דְבֵיקוּת מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט פַארְשִׁידֶענֶע תְּנוּעוֹת מִיט דִי הֶענְט, אִינְמִיטְן בַּאמֶערְקְט זַיין בַּאגְלֵייטֶער[20], וִוי דִי גוֹיִם אוּן גוֹי'טֶעס וָואס זֶענֶען דָארְט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן לַאכְן פוּן אִים מִיט אַ גְרוֹיסֶע גֶעלֶעכְטֶער, הָאט עֶר אַ קְלַאפּ גֶעטָאן פַאר

אַרוֹיף הָאט עֶר שְׁפֶּעטֶער אַיינְגֶעפְלַאנְצְט דֶעם גָארְטְן סָאפְּיָא אוֹיף אִיר נָאמֶען (עַיֵין בַּאֲרִיכוּת 'פְּעוּלַת הַצַדִיק' סִימָן שפג, וּבְהַעָרָה שָׁם).

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: זַיין אִין אוּמַאן אוּן נִישְׁט זַיין אִין סָאפְּיָא?! פְלֶעגְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן, אַז סָאפְּיָא אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "סוֹף" צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּנֶעם "סוֹף"? וַוייל אֵיינְמָאל מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בַּאקוּמְט מֶען שׁוֹין אַן אַנְדֶערְן בְּלִיק אוֹיפְן לֶעבְּן, אוּן מֶען טְרַאכְט שׁוֹין אַז מֶען וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן דָא אוֹיף אֵייבִּיג; נִישְׁט אַז מֶען דַארְף אַרַיינְפַאלְן צוּלִיבּ דֶעם אִין אַ פַּאנִיק, פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער הָאט עֶר נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּנֶעם שְׁטַארְבְּן, וַוייל עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ: אִיךְ קוּם פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ לֶעבּ מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִיךְ וֶועל צוּרִיק גֵיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער, פַארְקֶערְט אוֹיבּ עֶפֶּעס דַארְף עֶר מֶער מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר לֶעבְּט: אוֹי אִיךְ לֶעבּ, אוֹי אִיךְ לֶעבּ!!! אוֹי אִיךְ קוּק שְׁמוּץ!!! אוֹי וֵויי אִיךְ הַאלְט בַּיי מִיר דֶעם פְּעוֹר!!! אָבֶּער אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְן תַּכְלִית אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ פַארְלִירְן.

[20] תַּלְמִידוֹ הרה"ח רֶבִּי מֹשֶׁה גְלִידְמַאן זצ"ל.

רֶבִּי אַבְרָהָם, זָאגֶענְדִיג: אַז דִי גוֹיִם שְׁטֵייעֶן אוּן לַאכְן פוּן אִים. הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: פוּן אַפָּאר קֶעסְטְלֶעךְ צֵיינֶער [וֶועון אֵיינֶער לַאכְט מַאכְט עֶר אוֹיף זַיין מוֹיל, אוּן מֶען קֶען זֶען אַ בַּאקְס מִיט צֵיינֶער...], זָאל אִיךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען?! אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ צוּרִיק פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע גְלוּסְטֶענִישׁ וְכוּ'.

## ט.

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ אִיָּיר וָואס דָאס אִיז אַ חוֹדֶשׁ פוּן רְפוּאָה, אוּן אוֹיךְ דִי צַייט וֶוען דִי דָאקְטוֹירִים מַאכְן דִי מֶעדִיצִינֶען פוּן דִי גְרָאזְן, אוּן דֶער עִיקָר סְגוּלָה אוּן רְפוּאָה פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז, אַז עֶס זָאל מֶער נִישְׁט זַיין קַיין 'מַחְלוֹקֶת', וָואס דָאס אִיז לֵיידֶער גוֹרֵם אַלֶע צָרוֹת, אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם קֶען מֶען מַאכְן רְפוּאוֹת, אוּן הָאבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף אַלֶעם, דֶערְפַאר אִיז 'אִיָּיר' רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִלִּים ו, יא): א'יְבַי יָ'שֻׁבוּ יֵ'בֹשׁוּ רָ'גַע - עֶס וֶועט בַּאפַאלְן אַ חֶרְפָּה

און אַ בּוּשָׁה פַאר מַיינֶע פַּיינְט (עַיֵּין כָּל זֶה לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רעז).

ווִי אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים (חִדוּשֵׁי חַתַם סוֹפֶר שַׁבָּת דַף קמ"ז; וְעַיֵּין בְּנֵי יִשָּׂשכָר מַאֲמָרֵי חוֹדֶשׁ אִיָּיר מַאֲמַר א, אוֹת ג-ה), אַז 'אִיָּיר' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (שְׁמוֹת טו, כו): אַ'נִי יְ'הוָ"ה ר'פְאֶיךָ - אִיךְ בִּין דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הֵיילְט דִיר. ווִידֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדוֹת, סְפִירַת הָעוֹמֶר, חֵלֶק ב, סִימָן ג): אִין דִי סְפִירָה טֶעג אִיז אַ סְגוּלָה אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם שׂוֹנֵא אוּן דֶעם מָסוּר, אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט 'לָעֹמֶר', וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: מֵ'אִיגְרָא רָ'מָא לְ'בִירָא עַ'מִיקְתָּא - פוּן אַ הוֹיעֶכְן בַּארְג צוּ אַ טִיפְן גְרוּב. דֶערְפַאר חוֹדֶשׁ אִיָּיר וָואס דֶער גַאנְצֶער חוֹדֶשׁ אִיז אִין דִי מוֹרָא'דִיגֶע מְסוּגָל'דִיגֶע סְפִירָה טֶעג, אִיז דֶער צַייט צוּ פַארֶעכְטְן דִי פְּגַם פוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן נָאר פַארְמֶערְן לִיבְשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם בַּיי אִידְן, בִּפְרַט צְווִישְׁן חֲבֵרִים.

## י.

אוֹיךְ אִיז אִין דֶעם חוֹדֶשׁ דִי הִילוּלָא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט אַזַא הֵיילִיגֶער תַּנָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶועְן זַיין גְרוֹיסְקֵייט, מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט מַבְטִיחַ אַז דִי תּוֹרָה וֶועט נִשְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן (הַתְחָלַת לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א), אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט (שַׁבָּת קלח ע״ב): וֶוען דִי חֲכָמִים הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעזֶעצְט אִין ׳יַבְנֶה׳, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעזִיצְן אִין שׁוּרוֹת אַזוֹי וִוי אַ וַויינְגָארְטְן, הָאבְּן זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹנֵן גֶעוֶועְן: וָואס טוּט מֶען צוּ רַאטֶעוֶועְן דִי שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת בַּיים סוֹף פוּן גָלוּת?! הָאבְּן אַלֶע גֶעזָאגְט: מֶען זֶעהְט נִשְׁט קַיין שׁוּם תַּקָנָה, וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועט נֶעבֶּעךְ פַארְגֶעסְן וֶוערְן פוּן אִידְן, אוּן זֵיי וֶועלְן זִיךְ נִשְׁט קֶענֶען הַאלְטְן! הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט: חַס וְשָׁלוֹם – דִי תּוֹרָה וֶועט נִשְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן! וַוייל עֶס שְׁטֵייט אַ פָּסוּק (דְבָרִים לא, כא): **כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ.**

עֶרְקְלֶערְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: פַארְוָואס הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זִיךְ פּוּנְקְט אָנְגֶעכַאפְּט אוֹיף דֶעם פָּסוּק? וַוייל אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָז, אַז טַאקֶע דוּרְךְ אִים אַלֵיין וֶועט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, אַזוֹי וִוי דִי סוֹף פוּן דִי וֶוערְטֶער: כִּ״י ל״א תִשָׁכַ״ח מִפִּ״י זַרְעוֹ״ - אִיז ״יוֹחָאִי״; צוּ וַוייזְן אַז דַוְקָא דוּרְךְ דִי קִינְדֶער פוּן יוֹחָאִי וֶועט זִיךְ דִי תּוֹרָה הַאלְטְן, וַוייל יוֹחָאִי וֶועט אִיבֶּערְלָאזְן אַזַא זוּהְן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט אַזַאלֶעכֶע סְפָרִים, אַז וֶוער עֶס וֶועט דָאס לֶערְנֶען וֶועט זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן אוֹיפְלֶעבְּן.

מֶען זֶעהְט טַאקֶע אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט זוֹהַר צִיהְט אִים מוֹרָא׳דִיג שְׁטַארְק צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, וַוייל דֶער גַאנְצֶער זוֹהַר רֶעדְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן פוּן דִי עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן וָואס עֶס גֶעשֶׁעהְט בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קח).

אָבֶּער צוּ הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, דַארְף מֶען אוֹיךְ אָנְקוּמֶען צוּם

הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט בַּיים סוֹף פוּן דֶעם מַאֲמַר (בִּכְתַב יַד, וּכְמוֹ שֶׁנִדְפַּס בְּפֵירוּשׁ שְׂפַת הַנַחַל): **וְעַכְשָׁיו יֵשׁ נַ׳חַל נ׳וֹבֵעַ מְ׳קוֹר חָ׳כְמָה** [דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז דִי נָאמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן], **שֶׁאֲפִלּוּ עִ׳יר וְ׳קַדִּישׁ מִ׳ן שְׁ׳מַיָּא** [דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי ׳שִׁמְעוֹן׳], **גַּם כֵּן צָרִיךְ לְקַבֵּל מִשָּׁם** - יֶעצְט אִיז שׁוֹין דָא דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס אֲפִילוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן דַארְף אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּ אִים.

דָאס קֶען מֶען זֵייעֶר פָּשׁוּט פַארְשְׁטֵיין, לְמָשָׁל יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען ׳בֵּין הַזְמַנִים׳ בַּיי דִי וֶועלְט, גֵיי זָאג פַאר אַ בָּחוּר: נֶעם אַ ׳זֹהַר׳ אוּן זֶעצְט דִיךְ אַוֶועק לֶערְנֶען דֶערִין. עֶר וֶועט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ ווִילְסְט פוּן אִים, אוּן עֶר וֶועט דִיר גְלַייךְ זָאגְן: מַאךְ דִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ. אוֹיבּ אִיז נִישְׁט גֶענוּג וֶועט עֶר זִיךְ נָאךְ נֶעמֶען רֶעדְן ׳נִיבּוּל פֶּה׳, אָדֶער אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם ׳פְּעוֹר׳ וָואס עֶר הָאט! אוּן דָאס אִיז נִישְׁט נָאר אַ בָּחוּר, נָאר אֲפִילוּ אַ יוּנְגֶערְמַאן, אָדֶער אַ מֶענְטְשׁ אִין דִי מִיטֶעלֶע יָארְן, אוּן אֲפִילוּ אַן אַלְטֶער אִיד, זֵיי הַאלְטְן

אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְבַּיי בְּדֶרֶךְ כְּלַל, און דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְן, אָבֶּער אַז מֶען הָאט דִי הַקְדָמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר אִיז אוּנְז מְחַזֵק, און עֶר וַוייזְט אוּנְז, אַז 'מִיר' קֶענֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, קֶענְט אִיר זֶעהְן, וִוי אַזוֹי יוּנְגֶע בָּחוּרִים עֶנְדִיגְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם 'זֹהַר' מִיט 'תִּיקוּנִים', און אַלֶע אַנְדֶערֶע לִימוּדִים; דֶערְפַאר אֲפִילוּ זוֹכֶה זַיין צוּ נֶעמֶען פוּן דֶעם גְרוֹיסְן לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן 'רֶבִּי שִׁמְעוֹן', דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן דִי הַקְדָמוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

## יא.

יֶעצְט וֶוען עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס הִילְף דֶער זוּמֶער זְמַן[21], מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה, דַארְף מֶען זֶעהְן זִיךְ

[21] אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט הָאבְּן אַ קֶעמְפּ, וֶועט אִיר קֶענֶען אַרוֹיסְפָּארְן, און לֶעבְּן דָארְט צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, וואו מֶען קֶען גוּט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זַיין אַ עֶרְלִיכֶער יוּד, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קס"ג; וְעַיֵין עוֹד לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן יא): עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט פְרוּם צוּ זַיין צְווִישְׁן דִי גְרָאז און בֵּיימֶער.

זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס, און בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הִיט מִיר אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, הֶעלְף מִיר אַז עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט אִינְטֶעְרֶסִירְן, פוּן דִי אַלֶע טוּמְאוֹת און זוּהֲמוֹת וָואס עֶס אִיז פַארְהַאנֶען, אִיךְ זָאל נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין וֶועלְן, און גָארְנִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. און אַז מֶען בֶּעהְט, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דֶער מֹחַ וֶוערְט רֵיין, וַוייל אַז דִי אוֹיגְן אִיז רֵיין, אִיז שׁוֹין דֶער מֹחַ רֵיין, מְמֵילָא אִיז שׁוֹין דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ רֵיין, וַוייל פוּן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כא), און וֶוען אֵיינֶער טְרַאכְט חָלִילָה שְׁמוּץ, קֶען מֶען גֶעבֶּעךְ הֶערְן ווִי עֶר רֶעדְט 'נִיבּוּל פֶּה', וַוייל פוּן דֶעם טְרַאכְט עֶר (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א). לֵיידֶער כַּאפְּט מֶען נִישְׁט דִי הַארְבְּקֵייט דֶערְפוּן, חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת ל״ג ע״א): אַז אַ בָּחוּר רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיז עֶר גוֹרֵם צָרוֹת פַאר זִיךְ, פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה, און פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן דֶערוֹיף.

## יב.

דֶער עִיקָר זָאלְט עֶטְץ שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיר הָאט מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַז אִיר לֶערְנְט אִין אַזַא יְשִׁיבָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, הַלְוַואי זָאל מֶען אִין אַלֶע יְשִׁיבוֹת דָאס אַרַיינְלֵייגְן, אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע סְגוּלָה אָפְּצוּהִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״אִין דֶעם טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ״י וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן״. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בַּאקַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי נַארְדְבוּרְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, פַארְן הֵיילִיגְן סַאטְמַארֶען רֶבִּי׳ן אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער ׳עֲצֵי חַיִּים׳ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען זֵייעֶר פָאטֶער דֶער הֵיילִיגֶער ׳קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב׳ הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן אִים, זֵיי זֶענֶען נָאךְ דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער [דֶער ׳עֲצֵי חַיִּים׳ אַכְט יָאר, אוּן סַאטְמַארֶער רֶבִּי נָאךְ יוּנְגֶער], הָאט עֶר זֵיי דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט: קִינְדֶערְלֶעךְ! אִיר זָאלְט עֶנְק פִילֶעוֶוען

אִין חוּמָשׁ רַשִׁ״י, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַסַאךְ ׳גְדוֹלִים׳ וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוִויסְט וואוּ דֶער בַּאשֶׁעפֶּער וואוֹינְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ״י[22]! אוּן וֶוער עֶס קֶען נָאכְנִישְׁט בַּאוַוייזְן צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י, זָאל עֶר כָאטְשׁ דוּרְכְגֵיין דִי חוּמָשׁ מִיטְן ׳תַּרְגוּם׳, אוּן ׳מַעֲבִיר סִדְרָה׳ זַיין יֶעדֶע וָואךְ, צְוֵויי מָאל דֶעם פָּסוּק אוּן אֵיינְמָאל תַּרְגוּם, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף ׳אֲרִיכוּת יָמִים׳ (בְּרָכוֹת דַף ח).

נָאכְדֶעם ׳מִשְׁנַיוֹת׳, דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנַיוֹת, וִוי בַּאקַאנְט הָאט

[22] אוּן וִוי בַּאקַאנְט פְלֶעגְט טַאקֶע דֶער [סַאטְמַארֶער] רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י, [אִיךְ הָאבּ דָאס אַלֵיין גֶעזֶעהְן אַלְץ יוּנְגֶער בָּחוּר, וִוי יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶונֶען אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעם צְוֵוייטְן צִימֶער, אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט דִי תְּפִלִין חוּמָשׁ רַשִׁ״י, אוּן אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעם סְטְרָאוּק וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין בֶּעלְהַארְבֶּער הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעזֶעהְן וִוי אוֹיפְן טִישׁ אִיז גֶעלִיגְן דֶער חוּמָשׁ].

דֶער הֵיילִיגֶער ׳בֵּית יוֹסֵף׳ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִּיד פוּן הִימְל נָאר אִין דִי זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת (כַּמּוּבָא רַבּוֹת בְּסִפְרוֹ מַגִּיד מֵישָׁרִים).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זִיךְ אָנְהַאלְטְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כּוֹחוֹת זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן, אַוַודַאי דַארְף אַ בָּחוּר זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען אַרוֹיסְצוּזָאגְן דֶעם ׳אֱמֶת׳ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוּן עֶר ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן!

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: וָואס מֵיינְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט אַסַאךְ מָאל דֶעם לָשׁוֹן - ׳צַדִּיק אֱמֶת׳; מָה-נַּפְשָׁךְ, אִיז עֶר אַ ׳צַדִּיק׳, אִיז עֶר דָאךְ ׳אֱמֶת׳, פַארְקֶערְט אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט ׳אֱמֶת׳, אִיז עֶר דָאךְ נִישְׁט קַיין צַדִּיק?! נָאר עֶס אִיז דָא צְוֵויי עֶרְלֵיי צַדִּיקִים, עֶס אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס עֶר אִיז מְקַיֵּים דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, דָאךְ פֶעלְט אִים נָאךְ פוּנֶעם אֱמֶת, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס לֶעבְּט מִיטְן אֱמֶת, עֶר שְׁמוּעֶסְט אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט, לוֹיט זַיין אֱמֶתְ׳ער מַצָּב; דֶערְפַאר הָאט דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נא): אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן!

וָואס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַן אֱמֶת? אַז מֶען רֶעדְט אַרוֹיס וָואס מֶען דַארְף; דֶער אֱמֶת אִיז, אַ בָּחוּר דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן! דֶערְפַאר דַארְף עֶר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער: אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ, אוּן נִיצוּל וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ׳. אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, דוּ הָאסְט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדְן טָאג, יֶעצְט בֶּעהְט וַוייטֶער אוֹיף וָואס עֶס אִיז דִיר יֶעצְט וִויכְטִיג, זָאלְסְט הָאבְּן קִינְדֶער, פַּרְנָסָה, שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ.

אַזוֹי לֶעבְּט מֶען זִיךְ אָפּ אַ שֵׁיין לֶעבְּן, אוּן מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעבִּינְדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, וַוייל מֶען הַאלְט אִין אֵיין גֶעוִוינֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן נה; וְעַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקנח): ׳בְּגַשְׁמִיּוּת׳ דַארְף מֶען אַיינְשְׁטֶעקְן אוּן אִינְוֶועסְטִירְן אַסַאךְ

גֶעלְט אוּן אִיבֶּערְמִידְלִיכֶע כּוֹחוֹת, ווילַאנְג מֶען דֶערְזֶעהְט זִיךְ מִיט עֶפֶּעס רֶוַוח, אָבֶּער 'בְּרוּחָנִיוּת' דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט אִינְוֶועסְטִירְן אוּן אַרַיינְלֵייגְן, אַלֶעס אִיז פַּארְטִיג אוּן אָנְגֶעגְרֵייט פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר דַארְף זִיךְ נָאר אוֹיפְמַאכְן דִי מוֹיל אוּן זָאגְן: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם**, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹי לִיבּ! אִיךְ וִויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּ דִיר! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל יֶעדְן לִיבּ הָאבְּן!

אוּן אַזוֹי כַאפְּט מֶען אוֹיךְ יֶעדְן טָאג אַרוֹיס צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ', וָואס מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם אוֹיךְ נִישְׁט צוּפִיל אַיינְשְׁטֶעקְן, מְמֵילָא אַז מֶען לֶעבְּט אוֹיף אַזַא וֶועג, אִיז מֶען שְׁטֶענְדִיג פְּרֵייליךְ, וַוייל וָואס הָאט מֶען דֶען דֶערְלֵייגְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי נְשָׁמָה זָאל הָאבְּן אַן עֲלִיָה, אוּן אִיר אַלֶע זָאלְט מַאֲרִיךְ יָמִים זַיין, אָבֶּער מֶען דַארְף זֶעהְן אַרַיינְצוּכַאפְּן וָואס מֶער פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, 'מִשְׁנָה' אִיז אוֹיךְ דִי אוֹתִיוֹת 'נְשָׁמָה', אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער צוּם שִׁידוּךְ; ווִי אוֹיךְ בַּאטְרֶעפְט 'מִשְׁנָה' פּוּנְקְטְלִיךְ

וְויפִּיל ׳פַּרְנָסָה׳; וַוייל זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אִיז מְסוּגָל פַּאר פַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן אַז מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

~תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~